# צום פינטל

**גליון עה**

**חג הפסח תשפ"ד**

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים



**מערכת צום פינטל און מכון מישרים, וואונטשט אייך א כשר'ן פריילעכן יום טוב, בתוך כל בית ישראל**

## פסח

### צוזאמנעמען און ארויסרוימען

### בדיקה וביעור

די מצוה פון בדיקת חמץ איז אַנגעטיילט אין צוויי, בדיקה און ביעור, ביינאכט מאכט די 'בדיקה', און צופרי מאכט מען די 'ביעור', מ'מאכט איין ברכה פארביידע, די ברכה וואס מ'מאכט ביינאכט, גייט ארויף אויכט אויף די 'בדיקה' און 'ביעור' פון אינדערפרי.

די לשון הברכה איז 'על ביעור חמץ', נישט 'על בדיקת חמץ', די 'בדיקה' איז נאר א הכנה צו די 'ביעור', די עיקר איז אויסצורוימען די חמץ פון הויז, נאר מ'קען נישט אויסרוימען, ווילאנג מ'האט נישט צוזאמצונעמען די חמץ צו איין פלאץ. דאס איז די ארבעט ביים בדיקה, צוזאמצונעמען די חמץ וואס איז צושפרייט איבראל, מ'זוכט עס אויף און מ'נעמט עס צוזאם אויף איין פלאץ, אזוי זאל מען קענען אינדערפרי טון די עיקר מצוה אויסצורוימען און מבער זיין די חמץ פון הויז.

יעדעס מאל א מענטש רייניגט זיין הויז איז דא די צוויי 'שלבים', קודם נעמט מען צוזאם די שמיץ פון די גאנצע הויז, מ'נעמט אלעס צוזאם אויף איין פלאץ, מ'מאכט אלעס גרייט ארויס צו-ווארפן, שפעטער קומט די צווייטע 'שלב' ווי מ'טוט למעשה, מ'כאפט אָן אלעס וואס מ'האט צוזאמגעקליבן און מ'ווארפט עס ארויס פון הויז, צומאל גלייך און צומאל שפעטער. ס'איז צוויי שלבים פון איין תכלית אנצוקומען ארויסצו-ווארפן אלע שמיץ פון הויז.

דאס איז די צוויי חלקים פון 'בדיקת חמץ' און 'ביעור חמץ', בדיקת חמץ איז צוזאמצונעמען די חמץ, צוגרייטן די חמץ אלעס אויף איין פלאץ, אזוי שפעטער אינדערפרי זאל מען קענען ארויסווארפן אינדרויסן. 'על ביעור חמץ' מיינט נישט פארברענען די חמץ, 'על ביעור חמץ' מיינט 'אויסרוימען' די חמץ פון הויז, פון די לשון 'ביערתי הקודש מן הבית', און דאס איז איין תכלית סיי מיט 'בדיקה' און סיי מיט 'ביעור', ביידע זאכן זענען א הכנה אויסצורוימען די חמץ פון הויז.

> **די עצם קלאר מאכן וואס איז חמץ און וואס נישט, וואס איז שמיץ און וואס נישט, דאס אליינס איז שוין א האלבע ארבעט, ווייל נאר נאכדעם וואס דאס איז קלאר, נאר נאכדעם קען מען קומען צום צווייטן שלב, ארויסצואווארפן די שמיץ אינדרויסן פון זיך**

### להבדיל בין רע לטוב

פארן רייניגן איז די שמיץ אויסגעמישט צוזאמען מיט די גוטע זאכן, די ערשטע זאך ביים רייניגן איז אפצוטיילן איינער פון די אנדערע, די נישט גוטע פון די גוטע אדער פארקערט. נאכדעם וואס אלע שמיץ איז שוין אפגעטיילט, ס'איז שוין נישט אויסגעמישט מיט אנדערע זאכן, די גאנצע שמיץ ליגט דא אין פארנט פונעם פנים, יעצט קען מען גיין צום צווייטן שלב און ארויסווארפן אלעס אינדרויסן.

אויך ביי חמץ איז דאס די צוויי שלבים, די ערשטע שלב איז 'בדיקת חמץ' אויפרוימען די הויז און צוזאמנעמען די חמץ, מ'טיילט אפ די חמץ פון אלע אנדערע זאכן אין הויז, נאכדעם צופרי קומט שלב ב', ארויס צו-ווארפן די חמץ פון הויז און עס מבער זיין.

די עיקר עבודה פון אויסרוימען די חמץ איז נישט די וואשן, די עיקר איז 'בדיקה', קוקן מיט די אויגן, טרעפן ווי ס'איז דא חמץ, אפטיילן די חמץ פון די אנדערע זאכן, אפטיילן דאס וואס מ'וויל ארויסווארפן פון דאס וואס מ'וויל לאזען. אלעמאל ביים רייניגן איז דאס א עיקר, ס'איז שווער צו רוימען ווייל ס'איז ס'איז שווער צו קלויבן און אפטיילן די שלעכטע פון די גוטע, די שמיץ פון די נישט שמיץ, די זאכן וואס מ'וויל ארויסווארפן, פון דאס וואס מ'וויל נישט ארויסווארפן, אלעס איז א עבודה פון קלויבן און אפטיילן.

נאכדעם וואס מ'האט אפגעטיילט די גוטע פון די שלעכטע, נעמט מען אלעס צוזאם אויף איין פלאץ, מ'מאכט א בערגל שמיץ אינדערמיט, מ'לייגט אלעס אריין אין איין גארבידזש בעג, דערנאך געבט מען עס א ווארף ארויס פון הויז, מ'טראסקענט עס אריין אין די דרויסענדיגע גארבידזש, נאכדעם קומט די גארבידזש טראק און ווארפן עס נאך ווייטער.

די מציאות איז אז ווען מ'פאנגט אן רייניגען ווערט אלעס נאך מער שמוציג און נאך מער אויפגעווארפן, אבער די ציל איז אנצוקומען צום סוף, וואס דעמאלטס וועט אלעס ווערן ריין און ציכטיג.

ווען מ'פאנגט אָן צו מאכן ריין, ברענגט מען ארויס די גאנצע שמיץ אויפן אויבערפלאך, מ'שטעלט די בארג שמיץ און פארנט פונעם מענטש, די שמיץ געווען אויסגעשפרייט, די שמיץ איז געווען פארדעקט, אביסל דא און אביסל דארטן, יעצט ווערן זיי צוזאמגענומען, די גאנצע שמיץ שטייט אין פארנט פונעם פנים. נאכדעם נעמט מען די גאנצע שמיץ וואס שטייט אזוי אין פארנט פונעם פנים, און מ'זרק'ט עס ארויס אינדרויסן, מ'איז עס מבער פון הויז.

המשך בעמוד הבא

◆ **לחור ולחפש בנגעי בתי הנפש**

מ'זאגט אין די 'יהי רצון' נאך בדיקת חמץ אז מ'זאל זוכה זיין אויפצוזוכן די חמץ אין די באהאלטענע שטיבעלך פונעם נפש.

אויסרוימען די שמיץ פונעם נפש איז צוטיילט אין צוויי שלבים, צום ערשט דארף מען אויפזוכן די שמיץ און עס צוזאמנעמען אויף איין פלאץ, און נאר נאכדעם קען מען עס ארויס'זרק'נען. יעדער מענטש האט פארשידענע שוואכקייטן, שוואכקייטן וואס דער מענטש באהאלט אין זיך, ווילאנג זיי זענען באהאלטן זענען זיי נישט קיין מציאות, ווילאנג זיי זיצן אינדערוויינינג זענען זיי נאך נישט געבוירן, זיי זענען נאך בגדר 'דבר שלא בא לעולם', זיי זענען אויסגעמישט מיט אלע אנדערע געפילן און מחשבות. איז די ערשטע זאך דארף מען זיי טרעפן און אפטיילן, נאר נאכדעם קען מען זיי אויסרוימען.

ווען די שמיץ איז צושפרייט אין די גאנצע הויז, ס'איז אויסגעמישט מיט אלע אנדערע זאכן, איז די שמיץ נאכנישט קיין מציאות פאר זיך, די 'שמיץ' איז נאכנישט בכלל נישט קיין 'חלות' פון שמיץ, און ס'איז נאך נישט שייך אים אויסצורייניגן. די ערשטע זאך דארף מען צוזאמנעמען אלע שמיץ אינאיינעם, מאכן א 'חלות' וואס גייט אלץ אריין בגדר 'שמיץ' און וואס נישט, נאר נאכדעם וואס אלעס איז מיט א קלארקייט און פראָנט פונעם פנים, ס'איז קלאר 'דאס איז שמיץ און דאס נישט', יעצט קען מען עס ארויסווארפן. (כדאי לציין דמצות 'תרומת הדשן' היא גם כן כן, קודם מקבצים האפר על המזבח בתפוח, ורק אחר כך, לאחר כמה ימים, מוציאים את הדשן מחוץ למחנה).

די זעלבע איז ווען ס'קומט צו די באהאלטענע שווערע געפילן וואס זענען טיף אינדערוויינינג, ווילאנג זיי זענען דארטן באהאלטן, זענען זיי בגדר 'דבר שלא בא לעולם', זיי זענען נאכנישט קיין מציאות בכלל, מיט א זאך וואס איז נאנישט קיין מציאות קען מען נישט ארבעטן אויף דעם, א זאך וואס איז נישט קיין מציאות איז נישט מעגליך צו פארערכטן. וועגן דעם דארף מען קודם אויפזוכן די געפילן און זיי ארויסברענגען אויפן אויבערפלאך, זיי זאלן שטיין 'פנים אל פנים' מיטן מענטש, נאר נאכדעם קען מען זיי ארויסווארפן פון זיך.

ס'איז באקאנט היינט ביי די דאקטורים, אז די עצם וויסן וואס די פראבלעם איז, דאס אליינס איז שוין א האלבע ישועה. אויך אין די פסיכלאגישע וועלט און אין די חינוך וועלט, איז אזוי באקאנט, די עצם וויסן אויף וואס מ'ליידט, דאס אליינס איז שוין א האלבע ישועה.

די עצם קלאר מאכן וואס איז חמץ און וואס נישט, וואס איז שמיץ און וואס נישט, דאס אליינס איז שוין א האלבע ארבעט, ווייל נאר נאכדעם וואס דאס איז קלאר, נאר נאכדעם קען מען קומען צום צווייטן שלב, ארויסצואווארפן די שמיץ אינדרויסן פון זיך. און אזוי איז אויך ביים נפש, אז נאר נאכן זיין קלאר אין די שוואכקייטן, נאר נאכדעם וואס די שוואכקייטן זענען צוזאמגענומען, נאר נאכדעם קען מען זיי ארויסווארפן פון זיך און מבער זיין.

◆ **צרעת וכח הדוחה**

די וואך אין די פרשה שטייט די טהרת המצורע, ביי טהרת המצורע טרעפט מען אויך די נקודה, בפשטות איז די 'נגע' די התחלה פון די טומאה, אבער די ספרים זאגן אז די 'נגע' איז שוין די התחלה פון די 'טהרה', די שורש הנגע איז בעצם אינדערוויינינג אינעם מענטש, דער מענטש שטיפט עס ארויס אינדרויסן, די שמיץ נעמט זיך צוזאם אינדרויסן, אזוי קען ער יעצט אנפאנגען די פראסעס פון טהרה.

ווילאנג די שמיץ איז באהאלטן און צושפרייט אינדערוויינינג אינעם מענטש, קען מען זיך נישט מטפל זיין מיט דעם, נאר נאכדעם וואס די גוף האט עס ארויסגעשטופט אויף איין פלאץ, די 'נגע' איז ארויסגעקומען ערגעץ אויף די הויט, יעצט קען מען זיך מטפל זיין מיט דעם און עס רייניגן. נישט דורך אפשניידן חס ושלום, מ'טאר נישט אפשניידן א 'נגע', נאר רייניגן אויף די וועג וואס די תורה זאגט אין די פרשה.

די סיסטעם פונעם מענטש ארבעט מיט א 'כח הדוחה', איינער פון די זאכן וואס די 'כח הדוחה' טוט איז ארויסצושטופן די שמיץ פונעם מענטש אינדרויסן, וואס דאס טוט ער אויף פארשידענע וועגן, איינער פון די וועגן איז ארויסצושטופען די שמיץ דורך די הויט (עי' רמב"ם בהקדמה לשמונה פרקים ועוד מקומות בענין 'כח הדוחה' באדם).

די חז"ל זאגן אז 'נגעים' קומט אויף 'לשון הרע', דער מענטש איז אנגעזאמעלט מיט שלעכטע מחשבות און דיבורים אויף אנדערע ח"ו, און דאס קלאפט אויס אינדרויסן אויף די הויט אין די צורה פון א 'נגע'. אזויווי אין די גשמיות'דיגע חלקים פונעם מענטש איז דא א 'כח הדוחה', א כח וואס נעמט צוזאם די שמיץ אין די מענטש, און שטיפט עס ארויס אויף איין פלאץ, די זעלבע זאך איז אויך דא אין רוחניות, אז לשון הרע און עבירות דארפן ווערן ארויסגעשטופט צו איין פלאץ, אזוי זאל מען עס קענען מתקן זיין.

און דאס איז די סיבה בכלל ביים רייניגן, אז קודם דארף מען צוזאמנעמען די גאנצע שמיץ אויף איין פלאץ, און ערשט נאכדעם קען מען עס ארויסווארפן אינדרויסן. ווייל אזוי ארבעט די כח הדוחה, אז ס'נעמט אלעס צוזאם און דעמאלטס איז אים אסאך גרינגער אלעס ארויסצו'ווארפן.

◆ **וטמא טמא יקרא**

די תורה זאגט 'וטמא טמא יקרא', די 'נגע' פארציילט פאר יעדן וואס טוט זיך אינדערוויינינג אינעם מענטש, די 'נגע' איז מגלה וואס זיין אמת איז, פון אינדרויסן קען מען אויסקוקן א שיינע יוד, ער אליינס קוקט זיך אָן ווי א שיינע יוד, אבער די 'נגע' פארציילט די אמת און ברענגט ארויס די אינדערוויינינגע שמיץ, די 'נגע' ברענגט ארויס די שמיץ אויפן אויבערפלאך, אז יעדער זאל עס קענען זען און באמערקן.

דורך 'נגעים' קומען די שוואכקייטן ארויס, דער 'מצורע' שרייט 'טמא טמא', ער רופט אויס הויעך זיינע שוואכקייטן אז יעדער זאל זיי זען, זיי זאלן ווערן א מציאות חי און פארנט פונעם פנים. יעצט נאכדעם וואס די זאך איז שוין א מציאות, ס'איז קלאר אז ער האט די שוואכקייט, יעצט קען מען זיך נעמען צום נעקסטן סטעפ, יעצט קען מען זיך נעמען זיי צו פארערכטן.

די געפילן און מחשבות פונעם מענטש אין די 'נגעי בתי הנפש' זענען זייער באהאלטן, מ'זעט זיי נישט פנים אל פנים, צומאל קען מען מיינען אז מ'פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, אבער באמת אינדערוויינינג אין די 'בתי הנפש' טויג עס נישט, פארדעם קומט א 'נגע' ארויסברענגען די זאכן אין פארנט פונעם פנים, די פירסט זיך טאקע ווי עס דארף צו זיין, די גייסט אפילו מיט די שמונה

המשך בדף הבא

## קהל'ישע ענינים

מדינא דשלחן ערוך (הלכות פסח סימן תכט) איז 'קמחא דפיסחא' ממש א חיוב, מ'קען צווינגען איינער דעם אנדערן צו געבן 'קמחא דפסחא' (בני העיר כופין זה על זה). יעדער וואס איז א חלק פון שטאט, יעדער וואס וואוינט אין שטאט צוועלף חדשים (אדער די מנהג פון דרייסיג טעג, מ"ב שם), איז מ'חיוב זיך משתתף צו זיין מיט 'קמחא דפסחא'.

די חיוב איז 'לפי ממון', לויט ווי סאך געלט מ'האט, אזוי סאך איז מען אים מחייב צו געבן. דאס הייסט אז מ'נעמט צוזאם די באדזשעט וואס מ'דארף פאר די ארימעלייט, און דאס צוטיילט מען פאר אלע שטאטלייט צו צושטעלן.

אמאליגע צייטן פלעגט יעדער 'קהילה' איינמאנען שטייער ('מס'), פאר די צרכי הקהילה, צו בויען א בית מדרש א חדר א מקוה וכדומה, אלע חיובים וואס א קהילה מוז האבן, האט מען געשטעלט א 'מס', מ'פלעגט צווינגען דערויף, 'לפי ממון' אדער 'לפי נפשות' (ווי ס'איז מבואר אין חושן משפט סימן קסג). מ'פלעגט באשווערן יעדן איינעם ווי סאך געלט ער האט, און לפי דעם פלעגט מען יענעם מחייב זיין, לפי די צרכים וואס די קהילה האט געדארפט. אויך 'קמחא דפיסחא' איז א חלק פון די קהל'ישע 'מיסים' וואס די קהילה איז מחייב.

## די קהל צווינגט

די פוסקים רעדן ארום צו מ'קען געבן 'קמחא דפיסחא' פון 'מעשר געלט', די כלל איז אז 'חיובים' קען מען נישט געבן פון 'מעשר', קהל'ישע שטייערן און 'חיובים', קען מען נישט געבן פון 'מעשר געלט', זאגט אבער ר' שלמה זלמן אויערבאך (מובא במ"ב דרשו סימן תכ"ט) אז היות במציאות היינטיגע צייטן צווינגט מען נישט, מ'צווינגט נישט קיינעם אויף 'קמחא דפסחא', מ'קען זיך לייכטערהייט ארויסדרייען פון דעם, הייסט עס נישט ממש א 'חיוב' און מ'קען געבן פון 'מעשר געלט'.

מ'דארף פארשטיין הא גופא קשיא פארוואס טאקע צווינגט מען נישט היינטיגע צייטן, מ'בעט און מ'פארלאנגט, מ'בעט מיט שטארקייט, מ'האט דאך א שטיקל טענה, ס'איז דאך 'קמחא דפיסחא', ס'איז דא א 'חיוב' צו געבן, מ'מאכט פארשידענע פאטענטן אז די עולם זאל געבן, אבער מ'זעט נישט מ'זאל צווינגען. פארוואס טאקע, וואס איז די שורש הדבר, ווי איז אוועקגעפאלן די צווינגעריי, פארוואס אמאליגע צייטן האט מען געצווינגען, און היינטיגע צייטן פאלט קיינעם נישט איין אזא זאך?

בכלל דארף מען פארשטיין וואס איז פשט אז מ'צווינגט צו געבן 'צדקה', חיוב צדקה איז 'מעשר' אדער 'חומש', וואס איז פשט אז מ'צווינגט צו געבן 'קמחא דפסחא, פארוואס א יוד וואס האט שוין געגעבן מעשר וחומש וכדומה, קען מען אים נאכאלץ צווינגען פאר 'קמחא דפיסחא', וואס איז די שורש פון די צווינגעריי אויף צדקה.

אויך ביי אלע קהל'ישע ענינים דארף מען פארשטיין, וואס איז די כח ה'כפיה', וואס איז פשט אז מ'קען צווינגען אויף אלע קהל'ישע ענינים ווי בויען א בית המדרש א מקוה א תלמיד תורה (תקנת רבי יהושע בן גמלא), וואס איז פשט אז מ'צווינגט, און פארוואס היינטיגע צייטן צווינגט מען נישט.

## בתי דינים מטעם המלכות

צו פארשטיין וואס האט זיך געטוישט מיט דעם אז מ'צווינגט נישט היינטיגע צייטן אויף צדקה, לאמיר זען א צווייטע נושא אינגאנצן, די נושא פון 'בתי דינים' היינטיגע צייטן, די מציאות איז אז די 'בתי דינים' האבן נישט היינט א כח צו צווינגען א מענטש צו פאלגן וואס 'בית דין' האט געפסקנ'ט, וואס איז די שורש הדבר, וואס איז געשען היינט אנדערשט פון אמאל.

אמאליגע צייטן איז א 'קהילה' געווען א שטרענגע אוועקגעשטעלטע זאך 'מטעם המלכות', דער רב איז געווארן אויפגענומען מטעם המלכות, די טובי העיר, די פרנסים, אלע האבן באקומען א כח פונעם מלכות וואס האט געדארפט צוקומען צו זיי איינצומאנען די שטייערן פון די בני הקהילה, די מלכות האט געהאט א אונטערעסע אז די רבנים זאלן באקומען א 'פולמאכט' מטעם המלכות. מ'קען אסאך מאריך זיין אין די היסטורישע חלקים פון דעם, צייטן אזוי און צייטן אזוי, פלעצער אזוי צו אזוי, איינער מער און איינער ווייניגער, אבער בכללות האבן אלע געהאט עטוואס א כח המלכות וואס מיט דעם האבן זיי געקענט פירן זייער קהילה 'ביד רמה', און פסק'נען דין תורות, וואס אין דעם איז אויך געווען נכלל די כח צו צווינגען מקיים צו זיין די דיני תורה, צווינגען אויף אלע קהלישע איינלעגענהייטן.

בתי דינים כהיום

אבער היינטיגע צייטן איז בכלל נישט דא די זאך, כאטש וואס אונז לעבן אין א דומעקראטישע לאנד, באקומען נישט די רבנים קיין רעכט און כח צו פסקנען 'מטעם המלכות', די כח וואס די רבנים האבן 'מטעם המלכות' איז נאר צו מאכן 'פשרות', די געזעץ ערלויבט אז צוויי מענטשן קענען זיך אונטער נעמען צו פאלגן וואס א דריטער איז מפשר, און די שטאט וועט אפשר העלפן מ'זאל עס אויספאלגן, אבער א אמת'ע כח 'מטעם המלכות' האבן זיי נישט (צומאל אז די 'רבנים' ווילן צווינגען א מענטש, איז יתכן אז דער מענטש קען רופן פאליציי).

וואס דאס איז אויך א משהו 'לימוד זכות' אויף די ענין פון 'ערכאות', וואס איז א מורא'דיגע הארבע זאך, אבער אויב במציאות קען דער 'בית דין' נישט צווינגען, און די חז"ל זאגען

**די כח פון 'צווינגען' אויף 'קמחא דפסחא' איז נישט געבויט אויף 'צדקה', ס'איז א חלק פון קהל'ישע אנלעגנהייטן וואס מ'צווינגט, מכוח די התחייבות פון אלע שטאטישע איינוואוינער איינער צום צווייטן**

המשך בעמוד הבא

אז 'שופטים' אָן קיין 'שוטרים', איז קיין 'שופטים' אויך נישט דא, איז דאס א משהו לימוד זכות (עי' שו"ת מהרש"ג ח"ד).

און דאס איז די סיבה פארוואס ס'איז נישט דא היינט קיין שטאטס רב, ס'איז כמעט בטל געווארן די מושג 'שטאטס רב', ס'איז דא 'קהילות', חסידישע קהילות ליטווישע קהילות, אבער די מושג 'שטאטס רב' איז אוועקגעפאלן. די סיבה איז ווייל א 'שטאטס רב' איז געקומען 'מטעם המלכות', די מלכות איז געווען אינטערסירט און א 'שטאטס רב', די כח פון די מלכות איבער די יודן, מיט די 'טעקסיס' און נאך, אלעס איז געגאנגן דורך די 'שטאטס רב'.

וואס דאס איז בטל געווארן היינט, היינט דארפן זיי נישט די רבנים פאר די טעקסיס, ממילא פעלט אויך די כח פון די רבנים אין די יודישע ענינים. און וועגן דעם איז נישט דא היינט די 'פרנסים' און די שבעה טובי העיר', וואס דאס פלעגט אויך זיין אוועקגעשטעלט מטעם המלכות. אודאי איז דא היינט גאר אסאך עסקנים, אבער נישט מיט דעם טעם פון 'מטעם המלכות', וואס דאס געבט צו א מורא'דיגע שטארקע כח פאר די רבנים און פרנסים. (ס'האט אויך אסאך צו טון מיט די היינטיגע 'דמוקרטיה', 'דמוקרטיה' נעמט אביסל אוועק די כח פון 'קהילות' און 'רבנים', 'דומקרטיה' בכללות איז מער אונטערסירט אין די טובה פונעם 'יחיד' כידוע).

[ווען ס'קומט צו מסדר זיין די 'ממונות' חלקים ביי א 'גט', אדער 'מסדר' צו זיין די קינדער, קומט עס כמעט אלעמאל אָן צו ערכאות, די רבנים האבן מורא צו אריינרעדן אינדעם, בפרט ווען ס'קומט צו צוטיילן די קינדער, מ'געבט נישט קיין שום כח פארן רב אין דעם, ס'איז א פחד פארן רב צו טון אין דעם].

### רבנים מטעם

איז דאס איז די שורש פון צווינגען אמאליגע צייטן, און פארוואס היינטיגע צייטן קען מען נישט צווינגען, אמאליגע צייטן האבן די ראשי קהילה מיט די רבנים געהאט א כח מטעם המלכות וואס דאס האט זיי געגעבן א כח פון צווינגען וואס דאס איז נישט דא היינטיגע צייטן.

די כח פון 'צווינגען' אויף 'קמחא דפסחא' איז נישט געבויט אויף 'צדקה', ס'איז א חלק פון קהל'ישע אנלעגנהייטן וואס מ'צווינגט, מכוח די התחייבות פון אלע שטאטישע איינוואוינער איינער צום צווייטן, ווען א מענטש קומט וואוינען אין א שטאט מיינט דאס אז ער גייט זיך צושטעלן צום טובת הכלל, אסאך הלכות אין חושן משפט גייען מיט דעם יסוד, 'כופין בני העיר זה על זה', 'תקנות השוק' און נאך ענינים וואס פעלט זיך אויס לטובת די כלל אין שטאט, וואס די הלכה איז אז מ'קען צווינגען איינער דעם צווייטן.

למשל די דין פון 'מפקיעי שערים', אז די בני הקהילה קענען זיך אפמאכן אז מ'קויפט נישט ביי יענעם און יענעם אומוכר, ווייל ער ציט צושטארק ארויף די פרייז (עי' בחושן משפט סימן רלא), אדער די תקנות פון 'השגת גבול' וכדומה. וואס די זאכן קוקט מען אָן ווי 'התנו מתחלה', כאילו אז ווען מען קומט וואוינען אינעם שטאט, גייט מען אזיין אז מ'גייט זיך צושטעלן צו די טובת הכלל.

ענדליך צו די דינים פון 'נזקי שכנים', וואס איז כאילו א גרויסע שותפות פון אלע שכנים צוזאמען, אלע שכנים ווען זיי זענען געקומען וואוינען דארט, איז עס כאילו התנו איינצוהאלטן די דרך און די מנהג פון יענער געגענט. די זעלבע איז אויך מיט די 'תקנת העיר' צו געבן געלט פאר די בתי מדרשים וכו'. און דאס איז די כח ה'כפיה' פאר 'קמחא דפסחא', ס'איז נישט מכח 'מצות צדקה' וואס די שיעור איז 'מעשר' אדער 'חומש', נאר דאס איז כאילו א התחייבות ממון וואס מ'קען צווינגען איינער דעם צווייטן, לפי וואס בית דין זעט איין די טובת הכלל.



בגדים, אבער אין 'לשון הרע' האסטו נאך וואס מתקן צו זיין. נישט אז די ווילסט עס נישט מתקן זיין, אודאי ווילסטו, אבער ס'איז פשוט זייער באהאלטן, די געפילן און מחשבות זענען צוזאמגעמישט מיט אלעס אנדערשט, און אויף דעם קומט דער 'נגע' מודיע צו זיין פארן מענטש וואס ער האט צו טון.

דאס איז די ישועה פון 'נגעים', ס'ווערט אויפגעדעקט די שמיץ, אז מ'זאל וויסן פון וואס מ'ליידט אינדערוויניג, מ'זאל וויסן אז מ'ליידט אויף די קרענק פון 'לשון הרע', וואס דאס אליינס איז שוין א האלבע תיקון, נאכדעם קען מען זיך נעמען צו די גאנצע סדר וואס די תורה זאגט מיט די שני ציפרים וכו'.

ביי תשובה ווייסט מען אז די ערשטע זאך איז 'הכרת החטא', די חטא זאל שטיין שארף און פראנט פון פנים, אויב איז ער מסופק אפשר דארף איך יא תשובה טון און אפשר נישט, איז דאס נישט קיין תשובה, ווייל ס'איז נישט דא די הכרת החטא. די ערשטע זאך דארף די שמיץ זיין צוזאמגענומען און שטיין און פראנט פון פנים, נאר נאכדעם קען מען 'חרטה' האבן און תשובה טון.

דאס איז די עבודה צו מחפש זיין אין די 'נגעי בתי הנפש', פון אינדרויסן קוקט אויס אז אלעס איז מסודה, זאגט מען דיר זיך אויף אינדערוויניג און ברענגט ארויס די שמיץ אינדרויסן, אזוי וועסטו עס קענען מבער זיין.

אויסער דעם וואס מ'נעמט ארויס די חמץ פון הויז, איז יום טוב פסח אויך א זמן פון 'טהרה' און ריינקייט בכלל, יעדער יוד האט זיך געדארפט רייניגען צו קענען עסן פון די קרבן פסח, מ'האט זיך געדארפט רייניגן מיט די אפר פרה (וואס אז 'זכר' צו דעם איז שבת פרה). יום טוב סוכות אויב מ'איז נישט געווען ריין, איז מען געווען פטור צו 'עולי רגל' זיין, אבער פסח האט מען זיך געמוזט רייניגן צו קענען עסן פון די קרבן פסח.

ערב פסח זוכט מען אויף די באהאלטענע חמץ, מ'נעמט עס צוזאם און מ'שטעלט עס ארויס אויף מבער צו זיין. און פסח ביידערנאכט זוכט מען אויף די באהאלטענע אפיקומן, מ'שטעלט ארויס די באהאלטענע גוטע און הייליגע זאכן, און מ'עסט עס אויף מיט א גוטע אפעטיט.

# אחרון של פסח



### • אחרון של פסח

'אחרון של פסח' איז גרינגער מיט 'חומרות', ווי ס'איז מבואר אין רמ"א בשם די תרומת הדשן (ח"ב קפ"ז). און אזוי פירט זיך 'כלל ישראל' אז מ'מישט זיך 'אחרון של פסח', און מ'עסט געבראקס מיט קיינדלעך, ווייל יום טוב שני איז נאר א דרבנן און מ'דארף נישט מחמיר צו זיין אויף חששות רחוקות.

(אזוי שטייט פון בוטשאטער רב אין אשל אברהם תנינא סימן תס"ג. אויך איז ידוע די תשובה געדריקט אין בעק פון שלחן ערוך הרב אז מ'קען מקיל זיין געבראקס אחרון של פסח לצורך שמחת יום טוב. ועי' בספר פרי השדה - ח"ג סימן לא - וואס ער איז מיישב פארוואס איז דאס נישט ווי א זלזול אין יו"ט שני, ווייל ס'איז נישט קיין מלאכה אדער קידוש וואס האט א שייכות צו די עניני יום טוב. ועי' בשדי חמד חמץ מצה ו' דיש חילוק בין דבר שמחמיר משום איסור לבין דבר שמחמיר משום חומרא, דרק דבר שמחמיר משום חומרא מותר בשביעי של פסח. ועי' בחק יעקב או"ח סימן תצ"א).

### • לפעמים יש להקל

אין דרך פיקודיך שטייט אז מ'זאל דוקא מקיל זיין 'אחרון של פסח' מיט געבראקס, כדי מ'זאל נישט זאגן אז ס'איז חמץ גמור, אז די ביסט מקיל 'אחרון של פסח' זעט מען קלאר אז ס'איז נאר א חומרא. ס'איז באקאנט די ווארט פון בעלזער רב אז מ'דארף וויסן וואס איז א דאורייתא, וואס איז א דרבנן, און וואס איז נאר א מנהג, און א בעלזער מנהג. און ווען מ'איז מקיל 'אחרון של פסח' מאכט דאס קלאר אז ס'איז דא א חילוק צווישן א 'איסור' און א 'חומרא'.

און דאס איז א וויכטיגע נקודה ווען ס'קומט צו 'חומרות', אז מ'נעמט זיך אונטער א 'חומרא', זאל עס זיין אויף א אופן וואס אמאל וועט מען יא מקיל זיין, כדי מ'זאל שפירן בחוש אז ס'איז נאר א חומרא, וויסן אז ס'איז נאר א חומרא דאס איז נישט גענוג. ברוך השם אונז זענען יודן מדקדקים בקלה כבחמורה, און א חומרא קען צומאל ווערן אזוי שטארק ווי א 'איסור', אדער נאכמער, איז וויכטיג ווען מ'נעמט זיך אונטער א 'חומרא' אז מ'זאל איבערלאזן א פלאץ לקולא, מ'זאל שפירן בחוש אז ס'איז נאר א חומרא.

צומאל בטבע האט א מענטש א גרעסערע געשמאק אין א 'חומרא' ווי אין א 'איסור', א 'חומרא' איז עפעס וואס דער מענטש האט אליינס צוגעלייגט, ס'איז נישט עפעס וואס איינער פון אינדרויסן האט ארויפגעצווינגען אויף אים, ס'איז זיינע אייגענע נדרים און חומרות. אבער פון די אנדערע זייט דארף מען זיין שטארק אז א איסור איז א איסור, און א חומרא איז א חומרא, און דאס ליגען אין די געפילן, די געפילען זאלן נישט צוזאם מישען צווישן די צוויי.

### • חומרות לאורחים

און די פוסקים (עי' בפוסקים ביורה דעה סימן קיט ועוד) איז מבואר אז ווען מ'איז צוגאסט ביי יענעם זאל מען נישט מחמיר זיין קיין חומרות, 'משום איבה' ומשום כבוד בעל הבית. ווען די ביסט ביי יענעם צו גאסט און יענער איז נישט מחמיר, קומט נישט זיך אפצוטיילן פון יענעם מיט חומרות, יענער קען פילען ווי די האלסט זיך מער פון אים. כל שכן ביי טאטע מאמע איז מען נישט מחמיר קיין חומרות, ווי ס'איז באקאנט די מעשה פון בעלזער רב אז ער האט געבראקט אין איין טעלער מיט זיין מאמע, ס'קען וויי טון פאר טאטע מאמע אז די קינדער האלטן זיך פרימער פון זיי.

וואלט עס ווען געווען א איסור וואלט נישט געווען וואס צו מאכן, די טאטע און מאמע זענען אויך מחיוב צו מקיים זיין די תורה, אבער אויב ס'איז נאר א 'חומרא' איז 'כיבוד אב ואם' שטערקער ווי 'חומרות'. אפילו אז להלכה וואלט מען עס געקענט מקיל זיין, ווי ס'איז ידוע די יסוד פון מהרי"ק סוף הלכות כיבוד אב ואם, אבער במציאות איז מער פראקטיש און געזונט פארן קינד נישט צו זיין פרימער ווי טאטע מאמע, על כל פנים נישט און פארנט פון זיי. כל שכן אלץ בחור ווען מ'וואוינט נאך ביי טאטע מאמע, זאל מען נישט מחמיר מער ווי זיי אָן באקומען פון זיי רשות.

ס'איז דא 'חומרות' וואס זענען געווארן שטארק איינגעבאקן ביי כלל ישראל, ווי די חומרא פון געבראקס און זיך נישט צו מישן וואס איז גאר שטארק איינגעבאקן אין די חסידישע פלעצער. בטבע איז דא א געוויסע געשמאק אין חומרות כנ"ל, וואס דאס איז גורם אז ס'זאל ווערן גאר שטארק איינגעבאקן ממש ווי א דין. און ס'איז יתכן אז ווען נישט מ'איז מקיל מיט געבארקס 'אחרון של פסח', וואלט געבראקס שוין געווען היינט ממש ווי א דאורייתא.

דאס זאגט די דרך פקודיך אז מ'איז מקיל אחרון של פסח אין דעם, כדי ארויסברענגען אז ס'איז נאר א חומרא, די געפילען זאלן זיין אפען צו געבן א 'מקום' אויך פאר די אנדערע זייט. 'אחרון של פסח' קענען חסידישע יודן זיך פארגלייכן און משוה זיין מיט אלע יודן, אויך מיט די יעקישע און ליטווישע יודן וואס עסן יא געבראקס.

### • חומרות מיט דעת

איז לאמיר זען ווען איז 'חומרות' א גוטע זאך, און ווען איז 'חומרות' נישט גוט. ווען איז א 'מחמיר' א 'חסיד' און א 'בעל נפש', און ווען איז ער סתם א הדיוט, 'כל הפטור מן הדבר ועושהו נקרא הדיוט', ווען באלאנגט 'חומרות' צו 'חסידות' און 'פרישות', און ווען איז 'חומרות' עפעס אן 'עם הארצות' בעלמא, 'לא עם הארץ חסיד'?

א שטארקע יסוד זאגן די פוסקים אז 'חומרות' דארף גיין מיט 'דעת', 'חומרות' צוזאמען מיט 'דעת' איז א גאר א גוטע זאך, פון איין זייט די יראת שמים מחמיר צו זיין, און פון די אנדערע זייט איז דא די 'דעת' צו שטעלן און די ריכטיגע פלאץ.

מ'זאגט נאך פון ר שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל אז 'חומרות' איז געמאכט פאר איינער וואס האט געלערנט, ער פארשטייט צו די ענין, נאר ער פילט אז דא האט ער עס נישט גענוג ארויס, דא קען ער נישט גענוג שארף מכריע זיין, ביי אזעלכע פעלער איז געזאגט געווארן אז א 'בעל נפש' זאל מחמיר זיין, אבער איינער וואס האט נישט געלערנט, וואס פאסט 'חומרות', די ווייסט דאך קוים די עצם דין.

צומאל בטבע האט א מענטש א גרעסערע געשמאק אין א 'חומרא' ווי אין א 'איסור', א 'חומרא' איז עפעס וואס דער מענטש האט אליינס צוגעלייגט, ס'איז נישט עפעס וואס איינער פון אינדרויסן האט ארויפגעצווינגען אויף אים

אויב האט מען נישט געלערנט, קענען די 'חומרות' קומען פאר א מטרה צו זיין א 'מחמיר', צו זיין מער דעם צווייטן, זיך צו פילען גוט אז מ'איז מער ווי יענעם, אזעלכע 'חומרות' קען האבן א חשש פון 'יוהרא'. אבער 'חומרות' וואס קומט פון לערנען, 'חומרות' מיט 'דעת', איז די 'חומרות' מכח די צדדים, ער זעט די צדדים און ער קען נישט מכריע זיין, דאס הייסט אז די 'חומרות' קומען פון דעת, דאס מאכט אים מחמיר זיין, דאס איז די מטרה פון 'חומרות' אויף א גוטע אופן.

אויב מ'האט נישט געלערנט וואס פאסט 'חומרות', פון ווייסטו וואס איז א חומרא און וואס איז מן הדין, אויב האט מען נישט געלערנט אליינס, פרעגט מען יעדער שאלה פונעם דיין און מ'טוט וואס דער דיין האט געפסק'נט, איז וואס פאסט חומרות. נאר אויב דער דיין איז זיך מתספק, מ'פילט אז דער דיין וואלט געוואלט מחמיר זיין וכדומה, דאס איז יא א גוטע חומרא, ווייל ס'איז ווייטער א חומרא וואס קומט ארויס פון דעת.

נאך א יסוד שטייט פון די הייליגע חיד"א אז מ'זאל נישט טון קיין 'חומרות' העכער די מדריגה, ער זאגט אויף די מאמר חז"ל ווי מר עוקבא זאגט אז ער 'כחלא בר חמרא לגבי אבא' אז ער איז נישט אזוי שטארק מרחיק צווישן מילכיגס און פליישיגס, דארף מען פארשטיין פארוואס טאקע, זאל ער יא מחמיר זיין ווי זיין טאטע, נאר וואס דען 'מר עוקבא' האט געפילט אז ער איז נישט אין די דרגא, זאגט די חיד"א אז דאס איז א לימוד נישט צו טון

המשך בעמוד הבא

# אחרון של פסח



קיין חומרות אויב מ'האלט נישט ביי די מדריגה.

און דאס האט אויך א שייכות צו די יסוד פון חומרות מיט 'דעת', אז מיט די דעת שאצט מען אפ צו מ'איז ביי די מדריגה, אויב איז מען ביי די מדריגה קומט די חומרות פון א פנימיות'דיגע רצון, פון א פחד און יראת שמים אז אפשר דארף מען מחמיר זיין, אבער אויב מ'איז נישט ביי די מדריגה איז די 'חומרא' נאר צו זיין מער ווי אנדערע, וואס דאס מיינט און אנדערע ווערטער, חומרות אָן דעת.

ס'איז דא זאכן וואס הכל מודים אז חומרות איז גוט, ווי למשל 'חומרות בין אדם לחבירו', צו זיין א וותרן און טון לפנים משורת הדין וכדומה, די חומרות קענען נאר קומען פון א גוטע פלאץ, ס'קען נישט קומען פון א געפילו צו זיין העכער א צווייטן, אויב איז עס נאר צו זיין העכער א צווייטן, וואס איז שייך אז די ביסט מחמיר אוועק צו געבן פאר אים, בהכרח אז חומרות ביי 'בין אדם לחבירו' איז פון א גוטע פלאץ.

בכללות הייסט עס אז די ליטווישע זענען מער מחמירים, און ביי חסידים האט מען נישט געזוכט קיין חומרות, ס'איז באקאנט פון בעש"ט און אזוי זעט מען אין די הנהגות פון מאור עינים און נאך אז נאר שבת און פסח וכדומה, בפשטות האט מען נישט געוואלט אז די 'חומרות' זאלן שטערן צו 'שמחה'. בכלל זעט מען אז ביי חסידים האט מען זיך פארלאזט אויף די 'מנהג' און מ'האט נישט געזוכט קיין חומרות, למשל די ענין פון 'חָדָש' וואס ביי חסידים האט מען זיך פארלאזט אויף די מנהג, און אזוי נאך אסאך ענדליכע זאכן (מהמגיד מבואר דמנהג העולם להקל כהפלתי בענין 'מלבין', וסומך על זה, וידוע עוד).

## • הלכה'דיגע חומרות פון שלחן ערוך

מענין לענין איז אונטערסאנט צוזאם צונעמען די הלכה'דיגע חומרות פון שלחן ערוך, די הלכות וואס פסח איז הארבער פון א גאנץ יאר.

דער עיקר חומרא איז 'בל יראה ובל ימצא', וואס דאס טרעפט מען נישט אין די גאנצע תורה, נאר ביי עבודה זרה איז דא ענדליך צו דעם. אין די תורה איז דא אסאך איסורי הנאה, אבער 'בל יראה ובל ימצא' איז נאר דא ביי די צוויי, ביי חמץ און ביי עבודה זרה.

די הלכה איז אז מ'דארף אויפזוכן די חמץ אין יעדער פלאץ וואס מ'גייט דארטן אריין ווען מ'האלט אינמיטן עסן, מ'האט מורא אז אפשר איז דארט אריינגעקומען אביסל חמץ.

שטייט אין שלחן ערוך הרב (סימן תלג סעיף כה בהג"ה) אז לפי די כללים פון 'ספק ספיקא', לפי די כללים פון אנדערע איסורים, וואלט מען נישט געדארפט חושש זיין אויף בדיקת חמץ, ס'איז נאר א חשש אפשר איז די חמץ באהאלטן, און ס'איז דא נאך כמה ספיקות מקיל צו זיין, אפילו מ'האט אריינגעטראגן די חמץ, אפשר האט מען עס שוין ארויסגענומען, און אזוי נאך פארשידענע ספיקות וואס מ'קען טראכטן. נאר מכח די חומר פון 'חמץ' האבן די חכמים מחמיר געווען און מחייב געווען מיט בדיקת חמץ (אבער נאכן בודק חמץ זיין, האט מען שוין נישט חושש געווען אויף קיין ספיקות, ווייל 'אין לדבר סוף' ווי ס'שטייט אין די משנה).

די שורש פון אלע חומרות ביים עסן איז די חומרא פון 'משהו', וואס מיט דעם גייט אויך מיט די חומרא פון 'אינו בן יומו' (לפי הרמ"א בסימן תמז). אויך די חומרא פון 'כלי שני', שלישי, רביעי, וואס 'פסח' איז מען מער מחמיר ווי א גאנץ יאר, וואס דאס האט אלעס צו טוהן מיט די חומרא פון 'משהו', אפילו א גאנץ יאר איז א 'כלי שני' נישט בולע, אבער אפשר פסח איז עס יא בולע.

שטייט אין די פוסקים אין סימן תמז אז פסח קויפט מען נישט פון גוים, אפילו זאכן וואס א גאנצע יאר איז מען נישט חושש ווי ס'איז מבואר אין יורה דעה סימן קיד און נאך, פסח אבער וואס מ'איז חושש למשהו קויפט מען נישט פון קיין גוים. אויך די חומרא אין תמ"ז און אין תס"א אז 'באותו חתיכה' איז די 'בליעה' זיך מתפשט אין די גאנצע חתיכה, דאס האט אויך צו טון מיט די חומרא פון 'משהו'. אויך די חומרא פון 'חוזר וניעור', און אזוי נאך עטליכע חומרות, וואס האבן אלע א שייכות צו די חומרא פון משהו.

אין די פוסקים אין סימן תסז זעט מען עטליכע חומרות מער ווי א גאנץ יאר, א גאנץ יאר ווייסט מען דעם כלל פון 'אין מחזיקין ריעותא', אויך פסח איז דא די כלל, אבער די משמעות הפוסקים אז פסח איז אביסל הארבער לכתחלה. אויך שטייט אין די פוסקים, אז אפילו ביי אלע איסורים איז גענוג 'ספק ספיקא', אויך פסח איז מותר בדיעבד 'ספק ספיקא', אבער לכתחלה זאל מען מחמיר זיין פסח צו האבן כאטש דריי ספיקות.

אויך די חומרא פון 'כלי שני' שלישי רביעי, א גאנץ יאר איז דאס מותר, און פסח איז מען מחמיר (ס'איז דא וואס לערנען אז דאס האט אויך צו טון מיט משהו). נאך א חומרא ווערט דערמאנט אין הלכות הגעלה אין סימן תנא, אז 'כלי חרס' וואס האבן בליעות פון חמץ, פירט מען זיך נישט צו נוצן אפילו פאר קאלט, א מנהג מחמת חומרא דחמץ.

פסח איז דא א שטארקע חומרא צו באהאלטן און פארמאכן אלע חמצ'דיגע כלים, ביי אלע איסורים טרעפט מען נישט אזא זאך מיט אזא חומר, אבער פסח איז מען מחמיר אז ס'זאל נישט זיין קיין חמצ'דיגע כלים אונטער די האנט, ווייל פסח איז מען נישט בדול פון דעם, און ס'איז דא א חשש אז בטעות וועט ער זיך באנוצן מיט דעם.

און סימן תנא סעיף ד' איז מבואר אז מ'דארף אויסגליען די 'חצובה' - 'דרייפוס' - צו קענען נוצן פאר פסח. שטייט דארט אין משנה ברורה סקל"ד אז א גאנץ יאר דארף מען עס בכלל נישט אויסגליען, ס'איז א חומרא נאר אויף פסח. סוף סימן תנא שטייט א חומרא אז מ'קען נישט כשר'ן קיין גלאז (כלי זכוכית), און ווי ס'קוקט אויס אין די פוסקים איז דאס נאר א חומרא פסח, וועגן דעם ווערט עס נישט דערמאנט אין יורה דעה. אין סימן תנא ווערט דערמאנט א חומרא פון 'ניצוק חיבור' אויף די כשרן טאפ, וואס דאס איז אויך א חומרא במיוחד פאר פסח. (איתא בפוסקים דמנהג הספרדים להחמיר בפסח כרמ"א משום חומרא דפסח, חוץ מחומרא דקטניות שהם מקילים כהמחבר).


**בשורה טובה**
**יצא לאור 'וועלט לייוו סליידס'**
**וועלטליכע ידיעות מיט א**
**תורה'דיגע בליק**
**לכבוד חול המועד פסח תשפד**
**בערך צוויי שעה צו זען און הערן**
**845-274-3516**



**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**
**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** מצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com

עיצוב: נ.י. 972-50-413-8477+